כס"ד

שבת מברכים שבט | ר"ח יום חמישי | המולד יום חמישי 8:45 | 4 חלק'

שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שמות

כ"ה טבת תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

גליון מס': ס"ג

שנה ב'

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:14 |
| מוצש"ק | 5:29 |
| ר"ת | 6:07 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:25 | סוז"ת א' | 9:31 |
| סוזק"ש ב' | 9:12 | סוז"ת ב' | 10:03 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב הפרשה

# גיין אין די וועגן פון אונזערע אבות

## הבאים מצרימה

די פרשה די וואך הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ'.

ווען מען איז מדייק אין די ווערטער וואס די תוה"ק נוצט ביים שילדערן די מציאות פון אראפקומען קיין מצרים, זעט מען אז דער פסוק נוצט זיך מיט דערווארט 'הבאים' וואס איז א לשון הוה, ווי מען וואלט ווען געזאגט אז זיי זענען יעצט געקומען.

עס קען זיין אז די תורה הק' איז דא מרמז א רמז וואס איז נוגע צו אלע דורות. ווי מיר ווייסן איז אויך היינטיגע צייטן דא די בחינה פון מצרים און אז א איד וויל וויסן וויאזוי קען מען זיך האלטן ערליך אין אזא פינסטערע וועלט, ווען די בחינה פון גלות מצרים איז אזוי שטארק, געבט די תורה הק' דא א תשובה מיט די ווערטער 'הבאים מצרימה', אז די עצה איז 'את יעקב איש וביתו באו', אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט זאל זיין די בחינה אז מען זאל אלעמאל גיין אין די וועגן פון די אבות הק', ווייל אז מען גייט אין די וועגן פון אונזערע עלטערן און מען האלט זיך אָן אין זיי, בלייבט מען אפגעהיטן.

**די געדאנק איז אלעמאל געווען דער וועגווייזער פאר'ן כלל ישראל אין אלע אירע דורות. עס האט זיך אנגעהויבן אין מצרים, אז די אידן האבן זיך דארט געהאלטן אפגעשיידט פאר דורי דורות נאר דורכ'ן כח פון זיך אנבינדן אין די וועגן פון זייערע עלטערן און עס האט ממשיך געווען דורות שפעטער און עס איז אזוי ביז צום היינטיגן טאג. מען האט אלעמאל געוואוסט אז דער סוד צו די עקזיסטענץ פון כלל ישראל איז געווען נאר דורך וואס מען האט זיך געהאלטן אין די וועגן פון אונזערע עלטערן און זיך נישט אוועקגערידט פון איה, ווייל נאר אזוי קען מען בלייבן וויאזוי מען דארף צו בלייבן.**

דער געדאנק איז א כללות'דיגער געדאנק, אבער עס איז אויך דא בפרטיות ביי יעדן מענטש. יעדער מענטש דארף האבן די נקודה פאר זיינע אויגן אז נאר אויב ער וועט זיך אנבינדן אין די וועגן פון זיינע עלטערן וועט ער קענען מצליח זיין אין זיין לעבן.

דער איד דארף עס וויסן פאר זיך אליין און ער דארף עס ארײנלייגן אין זיינע קינדער. ווען די קינדער זען וויאזוי דער טאטע שעצט און האלט טייער די אמאליגע מנהגים און דרכים און זוכט צו שפאנען אין די וועגן פון אונזערע אבות הק', וועלן די קינדער אויך וועלן גיין אויף זי

המשך אין עמוד ב' <<<

## טיב המערכת

### וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק

איין טאג, ווען מיר זענען געשטאנען צוזאמען און פארברענגט מיט א שיחת חברים, דערציילנדיג מעשיות פון השגחה פרטית ווי דער שטייגער פון אונזער חבורה, זיך צו שטארקן איינער דעם אנדערן מיט אמונה, האט איינער פון מיינע ידידים מיר דערציילט דאס פאלגנדע: איין אינדערפרי, בין איך געפארן מיט מיינע קינדער אין אויטא אויפן וועג קיין ירושלים עיר הקודש, ווען פלוצלונג האבן מיר זיך באגעגנט מיט זייער א שווערע פארקער, וואס האט אונז אפגעהאלטן פאר א לאנגע צייט, און ווען מיר זענען שוין ענדליך דורכגעפארן דעם גאנצן וועג, האבן מיר געזען א טראקטאר וואס איז געווען איבערגעדרייט אויף א זייט, וואס דאס האט זעלבסטפארשטענדליך צוגעברענגט אז דער גאס זאל ווערן בלאקירט און דערפון איז געווארן דעם שווערן פארקער. זעענדיג דעם איבערגעקערטן טראקטאר, האט איינער פון מיינע קינדער געפרעגט: **וועגן איין טראקטאר דארפן אזויפיל מענטשן ווערן אפגעהאלטן?**

ווען איך האב געהערט זיין פראגע, האב איך זיך אנגערופן: לאמיר נאר טראכטן א רגע, מיר גלייבן דאך אז עס איז דא אין דעם א השגחה פרטית. און יעצט לאמיר טראכטן, וויפיל "השגחה פרטית'ן" איז דא געטון געווארן דורך איין געשעעניש, ווייל דורך איין טראקטאר, קומט איינער אן שפעט צו די ארבעט, אן אנדערער קומט אן שפעט צום לערנען, און אויך אונז קומען אן שפעט, **און אלעס איז מיט א פונקטליכן חשבון און מיט א וואונדערליכע השגחה פרטית, וואס דער אויבערשטער קוקט זיך אום אויף יעדער איינציגער מענטש פון אלע טויזנטער מענטשן וואס געפינען זיך דא!**

מרים הנביאה, די שוועסטער פון משה און אהרן האט געטון א פעולה אין איר יוגנט, וואס די תורה דערציילט דערויף מיט איינפאכע ווערטער: "וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק לְדֵעָה מַה יֵּעָשֶׂה לוֹ", וואס לכאורה איז דאס א פשוט'ע פעולה, אבער אויף אט די פשוט'ע פעולה דערציילן אונז חז"ל, אז מרים האט געווארט פאר משה איין שעה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק", דערפאר האבן זיך די אידן אפגעהאלטן פאר איר זיבן טעג אין מדבר, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וְהָעָם לֹא נָסַע עַד הֵאָסֵף מִרְיָם", זעען מיר פון דא דעם געוואלדיגן ענין פון "מדה כנגד מדה", ווייל פון דעמאלטס ווען מרים האט געווארט פאר משה אין מצרים, זענען שוין דורכגעגאנגען מער ווי אכציג יאר! עס איז אבער נישטא קיין פארגעסעניש ביים אויבערשטן, און ווען עס איז געקומען די ריכטיגע צייט, האט מען זיך געפירט מיט איר אזוי ווי זי האט זיך אליין געפירט, און גאנץ כלל ישראל האבן געווארט פאר איר זיבן טעג אין מדבר.

**יעדן טאג, יעדע שעה און יעדער רגע שטייען מיר פאר א פארהער, צומאל פרעגט מען זיך אליין – וואס וועט מיר דען ארויסקומען דערפון, אויב איך וועל יעצט מוותר זיין / מוחל זיין / דן זיין לכף זכות, עס וועט דאך סיי־ווי גארנישט טוישן. אבער וויסן זאלסטו, אז דער אויבערשטער פירט זיך מיט אונז מדה כנגד מדה, און ווען עס וועט קומען דער צייט וואס מען וועט אונז דארפן דן זיין אויף די מעשים וואס מיר האבן געטון, וועט מען זיך פירן מיט אונז פונקט אזוי ווי מיר האבן זיך אליין געפירט.**

(עפ"י טיב התורה - שמות)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זעלבע וועגן און עס איבערגעגעבן פאר זייערע קינדער און עס וועט זיך ווייטער ציען די גאלדענע קייט אויף שפעטער, אבער אויב די קינדער וועלן זען אין שטוב א זילזול צו די פריערדיגע מסורה, וועלן זיי נעמען די זילזול און עס אויך נאכמאכן אין זייער פריוואטער לעבן.

עס איז מיר לעצטענס אויסגעקומען מיטצוהאלטן א ווייטאגליכער פאל. עס זענען געקומען צו מיר עלטערן פון א קינד וואס גליטשט אראפ פון דער ערליכער וועג און וויל זיך שערן די בארד און אנגעפרעגט וואס זיי קענען טון.

עס רעדט זיך פון א בחור וואס קומט פון א חסידישער שטוב און די עלטערן זענען געווען אויס מענטש פון צער. איך האב זיי געבעטן אז זיי זאלן אריבערשיקן דעם קינד און כ'וועל רעדן צו אים. דער קינד איז אריבערגעקומען און מיר האבן אנגעהויבן רעדן און איך האב געפרעגט דעם בחור ער זאל מיר זאגן פארוואס טוט ער עס? פארוואס איז ער אזוי מצער זיינע עלטערן?

"דו ווייסט דאך ווי שטארק עס טוט זיי וויי", האב איך אים געזאגט.

דער בחור האט אנגעהויבן זאגן אז וואס ער וויל טון איז נישט קעגן די הלכה און קעגן די טענה אז ער איז משנה פון וויאזוי מען איז געגאנגען אין שטוב, האט ער א טענה, אז **ער האט עס געזען אינדערהיים**, אויך זיינע עלטערן האבן זיך נישט געהאלטן צו די אלטע וועג און געטוישט די מסורה וואס זיי האבן מקבל געווען ביי זייערע עלטערן.

קעגן די טענה זענען מיר געבליבן אן קיין תשובה, אבער גלייכצייטיג איז עס געווען א שארפע דערמאנונג ווי **וויכטיג עס איז זיך צו האלטן צו די מסורה** און נישט נאר זיך צו האלטן צו די מסורה נאר עס מאכן א נושא אין שטוב און רעדן פון דעם און עס אריינברענגען אין די קינדער, אויב מען וויל אז די קינדער זאלן נישט משנה זיין פון וואס זיי האבן געזען ביי זיך אין שטוב.

איך האב אמאל געקלערט אז עס קען זיין אז דאס איז די סיבה פארוואס מען זעט היינט אזא ירידת הדורות קעגן די פריערדיגע דורות. די היינטיגע דור האט נישט קיין עכטע שייכות צו די אמאליגע דורות. עס טרעפט זיך אפט אז מען זאל טרעפן א איד וואס זאל לעבן מיט דער אמאל און מיט זיינע זיידעס. עס טרעפט זיך היבש אסאך מאל אז מען טרעפט א איד, אן אלצווייסער, איינער וואס איז אויסגעקאכט אין אלע ענינים פון די וועלט, אין אלע נייעס'ער און געשעענישן, אבער ווען מען וועט אים פרעגן ווער זיין זיידע איז געווען וועט ער נישט האבן דערויף די מינדעסטע אנונג, און דאס נישט נאר ביי נעמען פון די משפחה ווי אז זיין זיידע האט געהייסן אזוי און אזוי, נאר אויך איבער די וועגן פון זיינע זיידעס, די קשר מיט זיין אמאליגע משפחה.

וועגן דעם איז זייער וויכטיג אז מען זאל אריינלייגן כוחות אין די נושא, אז די קינדער זאלן יא וויסן פון וועמען זיי שטאמען, בפרט אז מען האט געהאט זיידעס וואס מען קען פארציילן פון זיי איבער זייער ערליכקייט און עס איז דא וואס איבערצוגעבן אויף ווייטער.

**צומאל אפילו מען האט נאר א קלייניגקייט, ווי א מנהג פון אמאל, זאל מען עס אנהאלטן מיט אלע כוחות און מאכן פון איר אן עסק, ווייל דאס ברענגט צו אז מען זאל האבן א שייכות צו אמאל און אז מען האלט זיך צו אמאל איז גרינגער צו ערציען דורות און זיי איבערצייגן אז די קינדער זאלן ווייטערגיין אין די וועג און זיך נישט אפלאזן דערפון.**

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין אין די וועגן פון אונזערע אבות און ווייטער שפינען די גאלדענע קייט ביז צו אונזערע אבות הק' ווייטער און ווייטער און גיין אין זייערע וועגן.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

## די ישועה אויפ'ן ארט

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך אנגעהויבן א פרישע אונטערנעמונג פון געבן שיעורים פאר יונגעטליכע וואס קוקן ארויס אויף אביסל חיזוק. אין אנהייב זענען די שיעורים געווען שוואך, אבער מיט די צייט איז עס געווארן אויפגעכאפטער און מער און מער קינדער האבן אנגעהויבן קומען און די השפעה פון איר דערקענט זיך זייער שטארק אויף די קינדער.

איינס פון די טאקטיקן וואס מען נוצט צו שלעפן דעם עולם, איז אהערצושטעלן לייכטע איבערבייס. דער פאקט איז אז דאס שלעפט דעם עולם און מיר נוצן זיך מיט דעם מיטל, אין ראם פון אנדערע מיטלען.

איבריג צו זאגן אז דאס ציט אריין אין גרעסערע געלטער. על פי רוב וועל איך עס אויסצאלן פון מיין טאש, אבער עס האט זיך געמאכט אין איינער פון די וואכן ווען איך האב זיך דערזען אין דעם טאג פון די שיעור מיט ליידיגע טאשן.

איך בין נאך געווען ביי די ארבעט ווען איך האב זיך דערזען מיט ליידיגע קעשענעס און זיך אנגערופן צו מיין חבר אז היינט האב איך נישט קיין געלט איינצוקויפן די זאכן פאר די היינטיגע שיעור.

איך האב נאך אזוי גערעדט וועגן דעם ווען מיטאמאל קומט אריין איינער פון די משתתפים ביים שיעור און געבט מיר געלט.

וואס איז דאס? קוק איך אים אן.

**"היינט וויל איך אויסצאלן די קאסטן פון דעם שיעור", זאגט ער מיר.**

ער האט געגעבן א שיינער סומע אז עס איז געווען איבערגענוג און עס איז נאך געבליבן פאר די קומענדיגע שיעור. **איך און מיין חבר זענען געבליבן שטיין ערשטוינט פון די אפענע השגחה פרטית וואס מיר האבן דא צוגעזען.**

**[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.כ.]**



ביים אנהייב פון די הייליגע שובבי"ם טעג וועלכע זענען ספעציעל מסוגל און געאייגנט פאר די מצוה פון תשובה, ווען ישראל קדושים זענען פארנומען מיטן עוסק זיין אין תורה און תפילה מיט תשובה אין אט די געהויבענע טעג – זענען מיר דא מיט עטליכע מעשיות איבער די וואונדערליכע תשובה פון אידישע קינדער אינעם היינטיגן דור – צוזאמגעקליבן פון די שמועסן פון מורינו ורבינו שליט"א אינעם ענין פון תשובה, אין די שובבי"ם טעג און דורכאויס די אנדערע טעג פונם יאר.

->•<-

אין די ווערטער פונעם הייליגן אריז"ל ווערט געברענגט דער ענין פון די שובבי"ם טעג אלס א תיקון קדמון, וואס איז ווארשיינליך געווען איינגעפירט נאך אין די פריערדיגע דורות פארן אר"י ז"ל. און דער ענין פון אט די טעג ווערט שוין דערמאנט אינעם ספר הקדמון "לקט יושר", פונעם תלמיד פון דער תרומת הדשן זצוק"ל (ח"א או"ח עמ' קטז ענין א ס"ק ו), און אינעם ספר המנהגים (טירנא, הגהות המנהגים פורים), און אין דער לבוש (או"ח סימן תרפ"ה).

דער יסוד פון די תקנה פון אט די טעג, איז דערפאר וואס "קריאה מעוררת את הזמן", און וויבאלד אין אט די פרשיות ליינען מיר אין די תורה איבער די ענינים פון שעבוד און גאולת מצרים, זענען די טעג מסוגל פאר יעדן איינעם צו ווערן אויסגעלייזט פון זיין אייגענעם שעבוד מצרים אין זיין נפש און נשמה, דורך תשובה און קרבת אלקים טוב.

און די מקובלים ערקלערן, אז די אידישע נשמות וואס זענען געווען אינעם שעבוד מצרים, זענען געווען גלגולים פון די מענטשן פונעם דור המבול, וואס דער עיקר עבירה וואס איז געזאגט געווארן ביי זיי איז דאס וואס עס שטייט אין פסוק (בראשית ו, יב) "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ וגו'", זאל אונז דער אויבערשטער אפהיטן. און די אידן וואס זענען געווען פארשקלאפט אין מצרים האבן דאס געדארפט מתקן זיין דורך זייער פלאג און פיין, און דורך די גזירה פון "כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ" (שמות א, כב) און דאס גלייכן. און דער גאנצער ענין פון שעבוד פרעה און גלות מצרים, איז געווען כדי זיי זאלן זיך אויסלייטערן פון די שווערע זינד פונעם דור המבול, ביז זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים וואס איז געווען "ערות מצרים", און מען איז אויסגעלייזט געווארן פון אט די שווערע קליפה.

און אזוי זענען די טעג באשטימט געווארן פאר די ווייטערדיגע דורות, אלס א צייט וואס איז זייער מסוגל צו מתקן זיין אט די שווערע זינד, כדי אידישע נשמות זאלן אויסגעלייטערט און גערייניגט ווערן פון יעדן פלעק און פעלער. אזוי ווי א מענטש וועלכער געפינט זיך אין די טיפענישן פון די ערד וואו מען טרעפט דאס גאלד, און פאר וועמען עס פארשטייט נישט אין דעם קען עס אמאל אויסזען ווי פשוט'ע ערד, אבער דער חכם וואס פארשטייט דערצו, וועט נעמען די ערד

# תְּשׁוּבַת יְמֵי הַשּׁוֹבָבִ"ם

און עס ארייניגן אין א ברענענדיגע פייער, און דארט וועט דאס גאלד געלייטערט ווערן און אפגעשיידט ווערן פון אלע שמוץ וואס האט זיך אנגעקלעבט דערין. – אזוי אויך זאל דער מענטש זיך פארערכטן און זיך אויסלייטערן פון יעדן שמוץ און פעלער וואס האט זיך אנגעקלעבט אין אים. און אין די יעצטיגע וואכן איז די בעסטע צייט דאס צו מתקן זיין, אזוי ווי די עשרת ימי תשובה ווען די טויערן ווערן אפן, אנצונעמען אידישע קינדער בתשובה שלימה.

[מתוך שיחה בפתיחת ימי השובבי"ם לבחורי חסידי פינסק קארלין – טבת תשנ"ה, כלליות שיחה 15]

->•<-

אין א געזונטהייט קליניק אין צענטער פון ירושלים עיר הקודש, איז געווען א 'שוועסטער' וועלכע האט דארט געארבעט פאר לאנגע יארן, זייענדיג ממש ווייט פון אידישקייט, און אפילו דערווייטערט פון יעדן זאך וואס שמעקט נאר מיט תורה און הלכה.

אזוי האט זי געפירט איר לעבן פאר לאנגע יארן, ביז אין איין העלן טאג האט זי פלוצלונג געטון דעם ריכטיגסטן שריט אין איר לעבן, און האט זיך צוריקגעקערט בתשובה שלימה! מאכנדיג א גרויסן מהפכה אין אלע וועגן פון איר לעבן.

ווי עס פארשטייט זיך אליין, האט זיך יעדער געוואונדערט אויפן גרויסן טויש וואס איז פארגעקומען ביי איר. וויאזוי איז דער גרויסער זאך צושטאנד געקומען? וואס האט אייך געברענגט דערצו? האט יעדער געוואלט וויסן.

איין טאג זיצנדיג מיט אירע נאנטע באקאנטע דארטן אינעם קליניק, איז ארויפגעקומען דעם טעמע וואס האט אינטערעסירט יעדן, און די שוועסטער האט זיך געלאזט בעטן, און זיי גענומען דערציילן דאס וואס איז געלעגן אונטער דעם גרויסן טויש אין איר לעבן:

דאס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם וואס מיין צווייטע טאכטער האט זיך צוריקגעקערט בתשובה שלימה מיט עטליכע יאר צוריק – האט די שוועסטער אנגעהויבן איר דערציילונג. ווען איך האב געזען און מיטגעהאלטן פון דער נאנט וויאזוי זי איז ממש איבערגעדרייט געווארן און פארוואנדלט געווארן אין אן אנדער מענטש, בין איך זייער באגייסטערט געווארן! **זי האט ממש אנגעהויבן צו שיינען, זייענדיג אנגעטון איידל און צניעות'דיג ווי עס פאסט פאר א בת מלך!** איך גאנצע פירונג איז געווארן גוט און שיין, און זי האט אנגעהויבן אכטונג צו געבן אויף קלה כחמורה, און דער גליק וואס האט פארפלייצט איר לעבן, קען נישט אפגעשאצט ווערן פאר קיין פארמעגן אויף דער וועלט!

**זעענדיג דעם געוואלדיגן ליכטיגקייט וואס באלייכט איר געזיכט, און ווי די שכינה רוט אויף איר – האט די שוועסטער אויסגעפירט – האב איך נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג און סתם צוקוקן פון דער זייט, און איך האב באשלאסן צו גיין אין אירע טריט...**

אבער, וויאזוי איז געשען די געוואלדיגע טויש אין דיין משפחה-לעבן? – האבן איר די חבר'טעס געפרעגט. עס איז דאך נישט א געוויינליכע ערשיינונג, אז אין אזא פרייע ווירטשאפט, האט דיין טאכטער פלוצלונג באקומען עפעס א תורה'דיגע ערציאונג... אויב אזוי, וויאזוי האט דיין טאכטער אנגעהויבן זיך צוריקצוקערן צום ריכטיגן וועג?

דאס איז שוין אן אנדער מעשה אינגאנצן... האט די מאמע געענטפערט, ווי איינער וואס באהאלט א סוד. "און צו זאגן דער אמת, האב איך אלעמאל געוואוסט ביי מיר, אז צווישן מיינע קינדער וועט אוודאי זיין איינער וואס וועט צום סוף צוריקקומען צום אידישן וועג!

**"טאקע"? "וויאזוי"? – דאס נייגעריגקייט איז נאר געווארן שטארקער און שטארקער...**

ווירקליך! האט די פרוי ערקלערט. מיט אסאך יארן צוריק, איז געווען אן עלטערע פרוי וועלכע פלעגט קומען יעדן וואך, דא אינעם קליניק, פאר א טעסט וואס זי האט געדארפט טון כסדר, און ווילאנג זי איז געזעצן און געווארט מיט געדולד פאר איר רייע, האט זי געהאלטן אין האנט א קליינעם סידור, און די גאנצע צייט האט זי געדאווענט דערין מיט גרויס ווארימקייט, ווען א ספעציעלע אינערליכע פרייד איז צוגאסן אויף איר געזיכט.

דאס האט מיר זייער באגייסטערט, צוטרייסלנדיג די סטרונעס פון מיין הארץ, יעדן מאל פונדאסניי! אין א געלעגנהייט, ווען איך האב געכאפט א שמועס מיט אט די פרוי די צדיקת, האב איך איר געפרעגט איבער אירע פילע תפילות אין איר קליין סידור'ל, און מיט איר גרויס סבלנות און ליבשאפט האט זי מיר ערקלערט, וויפיל זי האט נאר געקענט, איבער וואס דער סידור איז. – דריי מאל אין טאג דאווענען מיר, מיר דאווענען שחרית מנחה און מעריב. האט זי מיר ערקלערט מיט איר געשמאקע שפראך, און אום שבת קודש טוישן זיך די תפילות לויטן ענין, און אום יום-טוב זאגן מיר די תפילות וואס זענען צוגעפאסט צום יו"ט, און אזוי אויך אום ראש השנה און יום כיפור און דאס גלייכן. זי האט מיר געענטפערט אויף אלע מיינע שאלות, מיט אלע איינצלהייטן, און אזוי האב איך באקומען אן ערשטע און קורצע איבערזיכט איבער איינס פון די ספעציעלע און מערסטע היסטארישע

המשך אין עמוד ד'

ספרים פונעם אידישן פאלק: "דעם סידור"!

דער שמועס וואס איך האב אפגעהאלטן מיט די צדיקת האט שטארק בארירט מיין הארץ. פון דעמאלטס און ווייטער, בין איך צוגעצויגן געווארן צום הייליגן סידור, וועלכער ענטהאלט אין זיך אזויפיל ווארימע תפילות פון טאטעס און מאמעס פון אלע דורות, צו יעדער צייט און מצב! מיין זעל האט געדארשט און געגלוסט פאר עטליכע ווערטער פון תפילה... איך בין דאך אויך א איד! און מיין נשמה האט געלעכצט און געפלאמט צו האבן א קשר מיטן באשעפער!

איין טאג בין איך צוגעגאנגען צו אט די פרוי די צדיקת, און איך האב געבעטן פון איר אז זי זאל מיר אביסל העלפן, וויבאלד איך וויל אויך דאווענען! נאר איך האב איר געגעבן צו פארשטיין אז קומענדיגן פון א פרייע שטוב, וועל איך איר נאר בעטן איין בלאט פונעם סידור, און דערוויל וועט מיר דאס גענוג זיין... איך וויל דערוויל נישט בעטן מער פון דעם... ביטע שלעפ ארויס איין בלאט וואס איז פאסיג פאר מיר פונעם סידור, אז איך זאל עס קענען דאווענען!

די פרוי האט גערן צוגעשטימט צו מיין פארלאנג. זי האט אויסגעוועלט א בלאט פון איר סידור, און איז צוגעגאנגען דערמיט צום קאפי־מאשין אין אפיס, און געמאכט א קלארע פאטאגראף פונעם בלאט, כדי איך זאל קענען דאווענען דערפון טאג־טעגליך לויטן גלוסטעניש פון מיין זעל און נשמה. – פון דעמאלטס און ווייטער, האב איך אנגעהויבן באשטימען עטליכע מינוט יעדן טאג, זיך צו פאראייניגן מיט מיין באשעפער, דער קעניג פון דער וועלט, און **איך האב מתפלל געווען פאר אים דעם גאנצן בלאט!**

צווישן די תחינות וואס איך האב באקומען אין יענעם בלאט, איז אויך געווען א תפילה פאר די הצלחה פון די קינדער. דאס האב איך פארשטאנען פון די ווערטער וואס זענען דארט געשטאנען, ווי פאלגנד: **"וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ"!** – היינט־צו־טאג ווייס איך שוין, אז דאס איז א טייל פון די "ברכת התורה" וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי – איך האב שוין אבער דעמאלטס געפילט אז מיינע תפילות פליסן און שפאלטן ארויס פון מיין הארץ גלייך צו מיין טאטע אין הימל, און מיין זעל האט ווי געפילט אז ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועל איך זוכה זיין אז פון מיינע קינדער וועלן תשובה טון בתשובה שלימה, און זיין פון די וואס אנערקענען דעם אויבערשטן!

עס האט טאקע נישט לאנג גענומען, אזוי ווי איך האב אייך שוין דערציילט, און מיין צווייטע טאכטער האט תשובה געטון בתשובה שלימה, און האט חתונה געהאט מיט זייער א פיינעם תלמיד חכם, א בעל תשובה אזוי ווי איר, און זיי האבן צוזאמען אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל, א שטוב וואס איז פול מיט ליכטיגקייט, קדושה און שמחה. – זעענדיג דעם ערליכן הויז, האב איך נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג און דערווייטערט, און איך בין גלייך געגאנגען אין די טריט פון מיין טאכטער, און איך האב זיך אויך צוריקגעקערט בתשובה שלימה, לאורך ימים ושנים טובות! – האט די שוועסטער אויסגעפירט איר וואונדערליכער דערציילונג!

[מתוך שיחה פרטית – י"ד חשון תשע"ג]

->•<-

איך האב געקענט זייער א פשוט'ער איד, וועלכער האט ממש אויסגעזען זייער איינפאך, און זייער ווייט פון די תורה און איר געהויבנקייט, און טראצדעם זענען אלע זיינע קינדער אויסגעוואקסן תלמידי חכמים מופלגים און בעלי מדריגה! – נאך ווען זיי האבן זיך געפינען אין די הייליגע ישיבות, האבן זיי זיך שטענדיג גערעכנט צווישן די אויסדערוועלטע עילויים און מתמידים מפורסמים, און ווען זיי האבן חתונה געהאט האבן זיי אויסגעשטיגן נאך העכער, זייענדיג אלע גאונים און בקיאים בש"ס ופוסקים, דינענדיג אלס כלי קודש אין עטליכע קהילות קדושות אין כלל ישראל.

איך האב זיך זייער געוואונדערט אויף אט דעם געוואלדיגן ערשיינונג. וויאזוי האט ער זוכה געווען דערצו? קומענדיג פון א ביליגע און פשוט'ע הויז, וואו דער טאטע האט געארבעט מיט א פראסטע און דערנידערטע ארבעט פון אינדערפרי ביז אין אוונט, וויאזוי זענען אויסגעוואקסן אזעלכע וואונדערליכע געוואוקסן, לתפארת בית ישראל?!

זייענדיג נאנט מיט אים, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו שמועסן מיט אים, און איך האב אים איידל געפרעגט, וויאזוי קען ער מיר ערקלערן אט דעם געבענטשטן ערשיינונג, וויבאלד איך וואלט אויך געקענט האבן א נוצן פון דאס וויסן!

מיט זיין גרויס עניוות, האט מיר דער איד געענטפערט ווי פאלגנד: ווער בין איך דען אז איך זאל וויסן חשבונות פון הימל, און די חשבונות פון די פריערדיגע דורות, פון די זיידעס און באבעס פון די פריערדיגע דורות, וועלכע האבן פארגאסן טרערן אויף זייערע קינדער און אויף זייערע קומענדיגע דורות?

אבער טראצדעם אויב דער רב פרעגט, קען איך מעגליך לייגן מיין פינגער אויף עפעס וואס א זאך, וואס ווי עס זעט אויס האט עס א שטארקע שייכות דערצו... **און דאס איז די געוואלדיגע צניעות מיט וואס מיין ווייב שתחי' פירט זיך אלעמאל!**

זי געבט זייער אכטונג צו גיין אנגעטון איידל און צניעות'דיג, און אויך אויף די טעכטער, אז זיי זאלן אלעמאל זיין צוגעדעקט אזוי ווי עס דארף צו זיין, און מען זעט קיינמאל נישט ביי זיי קיין שום אומאויסגעהאלטענע זאך! – איינמאל איז געווען א מאנגל אין די גוטע שטרימפ וואס זי פלעגט אנגעטון, וועלכע זענען געווען גענוג דיק ווי עס פאסט. איידער עס איז געווארן א מאנגל, האט מען געמאלדן אין די פרומע צייטונגען אז מען דארף זיך פארשאפן אסאך אזעלכע שטרימפ – אבער וויבאלד מיר ברענגען נישט אריין קיין שום צייטונג אין הויז, האבן מיר פון גארנישט געוואוסט.

**ווען עס איז געקומען די תקופה פונעם מאנגל אין שטרימפ, איז מיין ווייב געווען פארמאכט אינדערהיים פאר א חודש צייט! זי איז געווען געוואוינט צו גיין אין שול יעדן שבת, אבער דורכאויס יענעם חודש איז זי קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען אפילו א טריט פון הויז... – מעגליך, אין זכות פון די מדה פון צניעות, האבן מיר זוכה געווען צו אזעלכע טייערע זין!**

[מתוך שיחה פרטית – י"ד חשון תשע"ג]

->•<-

עס האט מיר דערציילט א טייערער און חשוב'ער איד פון די סאטמארער קהילה אין אמעריקע, וואס כאטש ער ווערט פארעכנט אלס א "בעל הבית" וועלכער גייט ארויס טאג־טעגליך צו זיינע געשעפטן, שטראלט אבער ארויס פון זיין געזיכט א געוואלדיגע יראת שמים, און ער הייסט זייער א חשוב'ער איד אין די קהילה, לשם ולתפארת.

אין א געלעגנהייט האט ער מיר נאטורליך דערציילט, אז ער פלעגט אסאך מאל אריינגיין צום הייליגן סאטמארער רב זצוק"ל בעל "דברי יואל", און אין יעדן קוויטל וואס ער האט אים דערלאנגט, ווען עס זאל נאר זיין, **פלעגט ער שרייבן: "שיזכה לתשובה שלמה!" – די הרגשה פון א באַלעבאַטישער איד!**

[מתוך שיחה בכולל "מעדני השלחן" – י' שבט תשס"ב, קובץ "כלליות"]

## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב צבי בן ישראל

לע"נ מרת הינדל בת משה ירמיהו ובלומה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173